העכסטנס אויסטראַיען אַ הומאָרעסקע. זיין קלאַסישע יידענע מיטן טעפל האָט ליגנס וויפיל עס קאָן נאָר אריין. נאָר וואָס ליגנערישער זי ווערט, אַלץ פריילעכער ווערט.

אין וויסענבערגס ליטעראַטור וואַקסן אויס פון קליינקייטן — טראַגעדיעס. פונקט ווי קליינקייטן האָבן טיילמאָל געווירקט טראַגיש אויך אין זיין פערזענלעך לעבן...

וואָס איז קליין אויף דער וועלט און וואָס איז — גרויס? יעדעס קליינע איז פול מיט טרויעריקייט, ווייל פול מיט זוכעניש נאָך דאָס גרויסע... איטלעכע פאַרגאַנגלעכקייט איז דערשראָקן און שטאָלצירט מיט איר שרעק, מחמת זי אַליין איז אַ דורכבורך אין דער אייביקייט... און אין אַלץ וואָס ליאַרעמט איז דאָ גרויסער צער, וואָס וויל דער־הערט ווערן, אונטער יעדן ליאַרעם וואַלגערט זיך אין וויטיקן אַ בענק־שאַפט נאָך שטילקייט...

הערט נאָר אַקאָרשט, ווי אַזוי עס ענדיקט זיך אַט־די דונער־קנאַלנדיקע דערציילונג. אַט אַזוי ענדיקט זי זיך:

„און די שטילקייט אין שטוב ווערט שווערער און שווערער. דאַכט זיך, אַ סוד האָט זיך דאָ אַריינגעגאָסן. און די שטוב האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן. צייטנווייז הערט זיך נאָר אַ פאַרשטיקטער זיפץ פון רבקהלעס צוגעדריקטע ליפן. דאָס פנים ביי איר איז נאָך רויטלעך און די ברעמען אַראָפּגעלאָזט ווי צום דרימלען, און אויף איר גאַנצן געזיכט איז אויסגעגאָסן אַ מין טרויעריקע רואיקייט, ווי ביי איינער, וואָס האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט אָפּגעטאָן, שוין אַלץ געהאַט, און האָט שוין גאָרנישט אויף וואָס צו וואַרטן. פון באַק־אויוון גיסט זיך דאָס טרויעריקע גרילצן פון אַ גריל. און אַן אימהדיקע שטילקייט צעלייגט זיך איבער דער שטוב: שאַ, שטיל, אַלץ איז ווי אויסגע־שטאָרבן...”

איר זעט? אַט אין דעם גייט עס. די לאַנג געבענקטע שטילקייט איז אָנגעקומען. אמת, נישט אַזוי ווי מ׳האָט זיך געוואונטשן. אָבער דערגרייכט האָט מען זי פאָרט. אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן.

פריער אָדער שפּעטער, די שטילקייט מוז אויפשיינען. די אונ־טערשטע שורה איז די שווייגנדיקע שורה. אייביק איז די שטילקייט. די שטילקייט האָט געזיגט...

• • •

נאָך בולטער זעט זיך עס אין דער נאָוועלע „די משוגענע אין דאָרף". דאָס איז אַ גבורהדיקע דערציילונג. די שטאַרקייט ליגט אין דער אָריגינאַליטעט. זי איז ניי מיט איר אומהיימלעכקייט. משונהדיק ווירקט די נאָוועלע מיט דער נאַטירלעכער אומנאַטירלעכקייט. דאָ איז אַ צונויפבאַהעפט פון נאַטוראַליזם מיט געשפּענסטיקייט. און דער גע־שפּענסט איז אַזוי ממשותדיק, אַז אַלע גשמיותדיקייטן נעמען אויסזען בייזגייסטעריש. דיר דאַכט זיך, אַז אַ געשפּענסטפּרייער ווינקל איז אי־בערהויפּט נישט בנמצא...

און ווייסט איר, פונוואַנען עס נעמט זיך צו אונדז אַזאַ געפיל? דערפון, וואָס דאָ ווערט דער געשריי נישט בלויז פאַרענדיקט מיט דעם טריאומף פון דער אַלץ איבערלעבנדיקער שטילקייט, נאָר באַלד לכתחילה איז דער רעש אַריינגעשטעלט ווי אַ שיף אין מיטן דעם ים פון שווייגן.

און אינמיטן פון דער בלויער, לייכטבאַזילבערטער, אָטעם־איינ־האַלטנדיקער ווייטקייט רייסט זיך אַריין אַ געשריי.

אַ דאָרף איז בייטאָג אויך שווייגנדיק; אַ נאַכט איז אין שטאָט אויך שטיל. און ערשט אַ געשריי אַ יאָמערלעכער אין שפּעטער טיפער נאַכט אין אַ דאָרף, — ווי ווילד, ווי דערשרעקנדיק, ווי פרעמד־וועל־טיש!...

און די קולות גייען פון אויגן, וואָס שפּריצן מיט גיפט; פון ליפּן, וואָס שוימען פאַר רוגזה. עס איז מער ווי קולות. מען שלאָגט. מיט טרוקענע שטריק אין צווייען איינגעלייגטע קאַטעוועט מען. דער שלאָ־גער איז אַ מאַמע, די געשלאָגענע — אַ טאָכטער, אַ דערוואַקסענע, אַ חתונה־געהאַטע. און די שטריק געפינען נישט קיין פּאַסיקערן פּלאַץ אויף טעטיקייט ווי דווקא דאָס שטיבל, וואו די טאָכטער ליגט אין

אין בעט און איר מאַן אין דעם צווייטן. און די עקזעקוציע איז אַ שטראָף פאַר עקשנות. דאָס יונגע ווייבל איז שוין אַכט וואָכן נאָך דער חתונה און זי לאָזט נישט צו דעם מאַן צו זיך...

איז דאָס אַ טעמע ווייט נישט קיין באַנאַלע. זי איז שוין עטוואָס צו אָריגינעל... אָבער נאָכנישט דערמיט ענדיקט זיך. די אַלטע מוטער רייסט די פּערענע פון דער טאַטער, האָט אכזריותדיק אין דעם יונג־טאַטערשן נאַקעטן ווייבן לייב שרייענדיק: „אַ זינד... אַ זינד... פון איטלעך מאָל אויפּהאַלטן ווערן באַשאַפן שדים... שדים פאַרברענען... וואָרפן אין כף־הקלע... הערסט, טאַטער, דעם שוואַרצן סוף, וואָס דו ווערסט האָבן...״ — מילא, די שדים, זיי זעט מען דערווייל נישט. מען זעט אָבער דעם פורמאַן־יונג, וואָס האָט הינטערן ווענטל אַלץ אונטערגעהערט, און ער רייסט אויף דאָס טירל, מאַכט דאָרט אַן אַ חורבן, פּאַרט אַריין מיט בײדע פורמאַנישע ידים אין פּנים פון דעם ווייבלס מאַן, באַגיסט די פּאָדלאָגע מיט בלוט, און ווען מען רייסט אים נישט אַוועק, וואָלט ער אים אינגאַנצן דערהרגעט.

באמת, אַזאַ טעמע איז אַ ביסעלע צו אָריגינעל. זי קאָן אָנמאַכן אַ חורבן נאָכמער ווי אַ פורמאַן־יונג... די דאָפּלטע געשרייען, די דאָפּלטע קלעפּ, די דאָפּלטע קרבנות, די אָפענע עראָטיק, די ברוטאַליטעט, די מעלאָדראַמע לויערן דאָ אויף יעדן טריט. נישט איין שריפטשטעלער וואָלט פון אַזאַ מאָטיוו אַרויס מיט צעבראָכענעם רוקאון־לענד.

אָבער ווייסענבערג איז אַ מופקר אין דער דיכטונג. זיין קונסט זוכט אויס די ריזיקאַלישסטע ווינקלען. האַרמידערס, קוויטשערייען, געטומלס, שענדלעכקייטן, זידלערייען, גראָבקייטן, שעלטערייען מיט אַלע זייערע רעזולטאַטן, ווי פייניקונגען און שלעגערייען, (די געשיכטע פון האַקן מיט אַ שטריק איבער אומבאַהאָלפענע פּלייצעס חזרט זיך איבער אין עטלעכע דערציילונגען: פאַרגלייך אפרימס שלאָגן קריינדלען) — דער דיכטער האָט זיי ליב. דעם עקשן ווייסענבערגן ווערן געפעלן זייערע פאַרביסנקייטן און איינגעשפּאַרטקייטן. און זיי ווידער צאָלן אים אָפּ מיט געטריישאַפט. גלייך זיי וואָלטן לאַנג אויף אים

געוואַרט, בוקן זיי זיך פאַר אים, שטרעקן אויס צו אים די הענט און גרינג ווערט ער זייער באַזיגער...

און מאָדנע, ווי נאָר ער באַזיגט זיי, הערט אויף זייער עקזיסטענץ... גלייך ווי דער דיכטער וואָלט מיט די שרייעדיקייטן אַזוי איינגעטענהט: איר זענט געקומען נאָר ווי מיטלען פאַר דעם קינסטלערישן מענטש. קיין צוועק פאַר זיך אַליין זענט איר נישט. איז אייער אויפגאַבע דערפילט, האָט איר נישט מער האָפט ווי אַן עכאָ נאָך אַ גערויש, וואָס וועט זיך באַלד אויסלעשן, ווי טריט־שפּורן נאָך אָפּגעגאַנגענעם וועג, וואָס וועלן זיך באַלד מיט שטויב פאַרווייען; ווי אַ נשמה, נאָכדעם ווי מ׳האָט דעם גוף אַריינגעלייגט אין דער ערד... און ווילט איר ווייטער לעבן, לעבט איר ווי געשפּענסטער. העכסטנס, קאָן מען זיך פאַר אייך שרעקן...

ביים לייענען „די משוגענע אין דאָרף" אינטערעסירט אונדז נישט פיל די מעשה, וואָס דער בעל־עגלה דערציילט זיין פּאַסאַזשיר מכח דער סיבה פון זיין אַריינמישן זיך אין דעם משפחה־סיכסוך. כאָטש די מעשה איז אַ שיינע, דער מאָנאָלאָג אַ רירנדיקער, מיט פאָלקס־טימלעכן חן, מיט לירישער וואַרהאַפטיקייט.

צושמידן אונדז צו זיך איז מסוגל דער שלאָג־ און־ פּאַטש און־ שריי־ און־ כעס־ און־ בלוט־ספּעקטאַקל. אַממייגסטן שפּעריש ענער־גיע האָט וויסענבערג דאָרטן אויסגעבראַכט.

און נישט קוקנדיק דערויף, ווערט אָט די סצענע אויפגערוקט, פאַרבויגן, טוקענדיק זיך, פאַלנדיק, אונטערגייענדיק אין דעם אום־ענדלעכן שווייגן פון די ווייטע שטערן און ווייטע פעלדער.

וועגן דעם ספּעקטאַקל האָבן מיר קיין חשק נישט צו טראַכטן. אויפן פאָן פון דער אייביקער גרויסער אָרומיקייט ווירקט ער פּחדימדיק, אומהיימלעך, גייסטערהאַפט, דער בייזער גייסט.

געבליבן איז דאָס דאָרף, געבליבן איז די נאַכט. און וואָס איז אַ געשריי אין מיטן אַ בלויער טיפער דאָרפישער נאַכט? אַ שיף אויפן ים...

* * *

איבער ווייסענבערגס בעסערע און גרעסערע דערציילונגען טראָגן זיך אין דער לופטן, ווי גרויסע שוואַרצע פֿייגל, הילכיקע צאַרנדיי־קייטן, שרייענדיקייטן.

אָבער מענטשן שרייען דאָך נישט אומזיסט. אין אַ יידישן שפּריכ־וואָרט איז דער כלל: „קיינער שרייט נישט „אוי", אַז עס טוט אים נישט וויי".

אויב ווייסענבערגס העלדן לאָזן זיך הערן אויף העכערע טענער, ווילן זיי דאָך עפּעס. ברענגען זיי דאָך צום אויסדרוק זייער אַנדערש־באַגעמען, זייער אומווילן, זייער מרידה. דאָס נישט קאָנען פֿאַר־שווייגן, דאָס מוזן אַרויסשרייען האָט שטענדיק אין זיך פֿון רעוואָלט. מיך איך טאַקע צו באַרירן אַ פֿראַגע, וואָס וואַרפֿט זיך אָן פֿון זיך אַליין, דהיינו, צי איז ווייסענבערג אַ רעוואָלוציאָנער?

איך שרייב דאָס אַרטיקל פֿאַר אַ דורכאויס דעמאָקראַטישן זשור־נאַל. און ווען איך זאָל אויף דער געבראַכטער שאלה ענטפֿערן פּאָזי־טיוו, וואָלט איך מסתמא ביי די לעזער שטאַרק אויסגענומען. ליידער! איך קאָן זיי נישט צוליב טאָן. פֿאַרגוואַלדיקן דעם אמת — אויך דאָס איז נישט דעמאָקראַטיש.

יעדע בונטאַרישע נאַטור איז אַן אָפּטימיסטישע נאַטור. קיינער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן מיט געביילטע פֿויסטן בלויז מיט דער כוונה יוצא צו זיין די מצווה פֿון צעבונטעוועטקייט. אויב ביי אַ סך איז זייער נישט באַליבט די לאָזונג „קונסט צוליב קונסט", דאַרף זיין נאָך פֿוסטער און לעכערלעכער „קאַמף צוליב קונסט". אַ רעוואָ־לוציע האָט דעם אומדערשיטערטן גלויבן, אַז שטורמישע מיטלען זיינען די ווייסע שטיינער אויף דעם קורצן שאָסיי, וואָס פֿירט צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון איר אַנדערש־ווערן.

ווייסענבערגס פֿאַרשוינען שטורמען, אָבער גלויבן נישט, אַז עפּעס וועט זיך איינברעכן. זיי שרייען נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ — זיי שרייען זיך אַראָפּ פֿון האַרץ.

פֿון דעם וואָס איז, זיינען זיי אַזוי אומבאַפֿרידיקט, אַזוי באַליידיקט,

אַזוי דערשלאָגן, אַז זיי וואָגן נישט צו זוכן דאָס, וואָס זאָל זיי באַ־פרידיקן.

קיינער האָט נישט דאָרט דעם באַאוסטזיין פון דעם נוצן, וואָס דאָס געשריי וועט ברענגען, נאָר שרייען מוזן זיי, קאָנען נישט אַנדערש.

איר געדענקט ר׳ מאָטקען? געדעכט איז זיין כעס אויף דעם גביר ר׳ פּתחיה. יענער האָט מאָטקעס משפּחה בדלות געשטעלט, פון זיין ברודער אַ תל געמאַכט, מאָטקען אַליין רואינירט. קאָן ער דאָס פאַרשווייגן? ניין. וואָס זשע טוט ער? הייבט ער אויף אַ שטיין און וואַרפט אַריין אין ר׳ פּתחיהס שטוב. וואָלט עסווירקלעך געווען אַ פּראָטעסט־אַקט. איז אָבער די מעשה, וואָס ר׳ פּתחיה איז לאַנג טויט. די שטוב איז שוין לאַנג פון קיינעם נישט באַוואוינט. די פענצטער, וואָס האָבן די זכיה אויפצונעמען די שטיינער, זיינען קיין פענצטער נישט, נאָר אויסגערונענע פינצטערע אויגן־לעכער. טייל אַרומגע־בראָכן, טייל מיט ברעטער פאַרקלאַפּט. פון דער גאַנצער שטוב איז אַן עלנדע פּוסטקע געבליבן. און אַט קעגן אָט דער חורבה פאַרמעסט זיך ר׳ מאָטקע מיט זיין אויפגעבראַכטקייט. צי פאַלט אים איין כאָטש איין רגע, אַז זיין דעמאָנסטראַציע איז עלול עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס צו ענדערן? בשום אופן נישט.

זיין האַנדלונג איז אַן אויפשטאַנד, נאָר אַן אויפשטאַנד קעגן אַ מאַנאַרך, וואָס איז געשטאָרבן שוין מיט עטלעכע דורות צוריק, און היינט הערשן איבער זיין לאַנד מושלים, אַן אַנדער רעזשים...

אָדער די אַלטע יידענע, וואָס שטראָפט און געוואַלדעוועט און קלאָגט און שלאָגט איר יונגע אויסגעגעבענע ווידערשפּעניקע טאָכטער, גלייבט אייגנטלעך אַליין נישט, אַז זי וועט עפּעס קאָנען העלפן. מען הערט עס אַרויס פון איר אויסרוף: „לעב, אָדער שטאַרב!״ אָבער שווייגן איז נישט פאַר אירע כוחות. זי מוז זיך בונ־טעווען קעגן „זינד און שדים״ ביי איר אין שטוב. אָבער עס איז אַ רעוואָלט אָן מוט, אָן מינדסטער פעסטקייט ביי זיך, דער עיקר, אָן גלויבן אין עפּעס.

און קריינדעלע, ווי געדעכט איז זי! באַגנבעט האָט מען זי,

אומפאַרשעמט באַגנבעט. אפרים, דער תבואה־סוחר, מאַכט זיך פאַר אַ בעל־טובה און הייסט, דאָס ווייב זאָל אַריינגעמען די אָרימע קריינדעלען צו שלאָפן. ביינאַכט שאַרט ער אַרויס דאָס גאַנצע צונויפגעבעטלטע געלט פון איר זעקל און לייגט אַהין אַריין שטיקלעך גלאָז און שטיקלעך פּאַפּיר. שווייגט זי נישט. זי טוט דאָס אייגענע, וואָס אין אַן אַנדערער דערציילונג טוט ר׳ מאָטקע. זי נעמט אויך אַ שטיין און וואַרפט אין אפרימס שויבן. נאָר וועט זי דען עפּעס פועלן? אפרים, אַן אַנגעזעענער באַלעבאָס אין שטאָט. קריינדעלע אַ האַלב משוגענע בעטלערין, ווער וועט דאָס גלויבן אַזאַ מעשה. און בכלל, וואָס געלט, ווען געלט, וויפל געלט? קיינער ווייסט עס נישט, זי אַליין אויך נישט. הכלל, אַ נעכטיקער טאָג. קיין שפּור פון אַ תועלת וועט דערפון נישט אַרויסקומען.

זי שטורעמט. נאָר פון דעם שטורעם וועט זיך גאָרנישט איינברעכן... סיידן אַ מיזעראַבעלע שויב. האָט ער אַ דאגה, אפרים. ער האָט געמאַכט אַ בעסער געשעפט. בפרט, אַז ער דערלאַנגט איר נאָך מיט אַ שטריק איבערן לייב.

ווייסענבערגס העלדן האַלטן אין איין ברויזן, אין איין שוימען, אין איין קולות־מאַכן, אין איין דראָען, אין שטעלן זיך תקיף, אין אַנווענדן אַפילו פיזישן גוואַלד. און כאָטש דאָס אַלץ ווערט נאָך געשטיצט מיט דער גערעכטיקייט אויף זייער זייט — פונדעסטוועגן ווערט פון דעם גאָרנישט. קיינער פון זיי פירט נישט אויס זיינס, גלויבט נישט אין דער מעגלעכקייט פון אויספירן. עס איז רעוואָלוציע צוליב רעוואָלוציע.

* * *

נאַטירלעך, עפּעס דערגרייכן זיי יאָ, די אַלע שרייערס. אַלץ איינס ווי אומעטום זיינען אויך זייערע געוואַלדן און יללות פאַרמאַסקירטע בענקשאַפטן נאָך שטילקייט. און זי באַווייזט זיך ענדלעך.

אָבער נישט זיי האָבן זי געבראַכט. זי מוז קומען, די שטילקייט. אַ מענטש מוז זיך מיט איר באַגעגענען אַקוראַט ווי ער מוז זיך צונויפטרעפן מיט טרערן און מיט טויט.